# World War I

World War I, the Great War, brought to an abrupt end the old Europe of interlocking monarchies, open borders and grand tours. The impact of the war on Jewish life in eastern Europe was no less profound: For the first time, Jews in huge numbers were forced to take up arms against their fellow Jews. Cities, towns and villages on the eastern front were laid waste, and the traditional structures of the community were destroyed.

At first Jews themselves were unaware of their special plight. For Jewish soldiers, the world of trenches and gas warfare was no more horrifying than for their non-Jewish comrades-in-arms (**51**). On the home front, the sight of refugees, breadlines and forced labor battalions was equally shocking to all. But gradually a more focused picture came into view: of a Russian army that expelled 600,000 Jews along its *own* borders and carried out brutal pogroms each time it advanced or retreated over enemy terrain; of a Jewish civilian population that was caught between the hatred of local Poles or Ukrainians and the vengeance of the conqueror; of Jewish soldiers treated with suspicion and cruelty even in their own ranks.

In the writings of Sholem Aleichem and Ansky we see a neoclassical response to catastrophe. Both writers begin with the assumption that the tablets have been broken, that traditional Jewish life has been irrevocably altered, that the Jewish people will never again be united behind a single vision of sin-retribution-redemption. The mandate of the writer, therefore, is to reimpose a sense of order on the shattered past, to explore and reexamine the full thrust of the classical traditions so as to arrive ultimately at a new restorative vision of faith and community. This accounts for the encyclopedic impulse in their writing on Jewish catastrophe, why every personal and collective memory is brought to bear on the war and its victims. The literary monument is designed to replace the physical and spiritual ruins and to become, in turn, a source of meaning.

Moyshe-Leyb Halpern's "A Night" (**55**) represents a countermovement in east European Jewish culture. In this bleak view, Jewish catastrophe is but a sign of the world apocalypse, the end of civilization per se. Specific national or redemptive claims are rendered meaningless by the universal scope and impersonal nature of the violence. And so the writer's task is to create a language and a logic commensurate with this new violence—the more bleak and blasphemous, the better.

Why this apocalyptic view should first have taken hold in America is not hard to surmise. Through the American-Yiddish press, the immigrant masses knew exactly when and how their native towns went up in flames. Suddenly they saw themselves less as immigrants to the New Land as exiles from the Old. Locally, meanwhile, the Jewish community was divided over which side to support: the Germans, who alone could bring down the hated Tsar, or their Russian compatriots, who were locked in battle with the "Huns." Halpern, an East Side Yiddish poet of extraordinary talent, sent a plague on both their houses.

"A Night" was Halpern's vision of three circles of hell: (1) the collapse of European civilization as refracted through (2) the pogroms in his native Galicia; and the pogroms as refracted through (3) the embattled consciousness of one of the survivors, the speaker of the poem. The rapid-fire movement of the poem is fueled by *mentshele*, the demonic "little man," the double, the comic impresario who parodies both the dreamer and his dream. Nothing is sacred in his cabaret routine: not the memory of childhood (since the "I" of the poem was a stranger in his own home); not the mutilated remains of his father; least of all, the grand messianic schemes in whose name nations have always slaughtered other nations.

All of history, in *mentshele*'s scheme, is conjured up as "a funeral cortege that stretches a thousand leagues." In this way Halpern reduces all of history to its darkest side and repudiates the very attempt to find meaning in history through national sagas and lamentations. "A Night" is Halpern's answer to Bialik, for Bialik's anger presupposed a nation accountable to God, whereas Halpern's nightmare eliminates all mention of God and denies all human attempts at transcendence. At the climax of Halpern's vision, all past victims of atrocity, themselves once swayed by messianic dreams, themselves so faithfully memorialized, call down an eternal curse on the speaker/poet. In the end, the individual's only hope is in death.

11

# 55 A Night

MOYSHE-LEYB HALPERN

I

אָ-האָי, אָ-האָ — — — —
ווער רופֿט אַזוי? ווער איז דער מענטש, וואָס איז אַראָפּ
פֿון באַרג אין האַלבער נאַכט? אין ווילדעסטן גאַלאָפּ
איז ער אַראָפּ פֿון דאָרט, מיט אויסגעשפּרייטע הענט.
האָט זיך אַ לאַז געטאָן פֿון אַלע פֿעלזן־ווענט
אַ רייטער־פֿאָלק נאָך אים, מיט בייטשן אין דער הויך,
וואָס האָבן זיך געדרייט פֿון צווישן וואָלקנס רויך,
ווי בליצן שאַרף. און פֿלאַמען זענען הער און הין
געפֿלויגן דורך דער נאַכט, ווי ווילדע פֿייגל פֿלי'ן.
און עכאָ־ווייט, און ברייט, און נאָך און נאָכאַמאָל —
האָט זיך דער ווילדער רוף געטראָגן דורכן טאָל —
אָ-האָי, אָ-האָ — — — —
אָ-האָי, אָ-האָ — — — —

I

Ohay, oho—
Who calls this way? Who is the man who rode the slopes
At midnight down the mountain? At the wildest gallop
He came straight down the mountain, arms stretched long and wide,
As a host of horsemen hunted him down the cliffsides,
A nation of riders with whips held high in the air,
Flashing from clouds of smoke, sharp as lightning. Here, there,
Flames rose through the night like wild birds taking flight,
And echoing, echoing, the wild call crisscrossed the valley—
Ohay, oho, oho, ohay—

III

און ברענגען וועט פֿרידן און רו פֿאַר דער ערד
אַ קעניג, וואָס קומט אויף אַ שניייווייסן פֿערד.
צי דאָס איז אַ בענטשונג, צי דאָס איז אַ פֿלוך —
אַזוי שטייט געשריבן אין הייליקן בוך.
— והיה באחרית הימים.

געגליט האָבן שטערן און בלומען געבליט,
געזונגען אין וואַלד האָט דער פֿויגל זיין ליד,
געוואַרט האָט דאָס לעבן אַן אייביקייט לאַנג
דעם קעניג אַנטקעגן צו גיין אויף זיין גאַנג.
— והיה באחרית הימים.

דורך פֿייער און בלוט און פֿאַרוויסט איז די ערד.
און וועמען האָט איבערגעלאָזן די שווערד?
אויף וועמען וועט פֿאַלן זיין הייליקע שיין,
וואָס וועט ווי די זון אַזאַ לויטערע זיין?
— והיה באחרית הימים.

אָ, קעניג, מיין דורות פֿאַרהייליקטער, דו,
פֿאַר וועמען דיין פֿרידן? פֿאַר וועמען דיין רו?
דאָס בלוט פֿון די דורות פֿאַרגאָסן פֿאַר דיר
וועט קומען און מאָנען אַן ענטפֿער פֿאַר מיר.
— והיה באחרית הימים.

III

And bringing us all a world of rest and peace
Will come a king mounted on a snow-white steed.
Whether as a blessing, whether as a curse—
Thus it stands written in the sacred verse:
And it shall come to pass in the end of days.

While stars glowed and flowers into blossoms burst
And the bird lifted its song in the forest,
Life hung on, waiting an eternity
To make the king welcome when he rides by.
And it shall come to pass in the end of days.

This earth was brought to ashes through blood and fire.
And who among us has the sword ever spared?
On whom will his most holy radiance shine,
Pure and lucid as the sun, when he rides in?
And it shall come to pass in the end of days.

And you, my King, hallowed by generations,
For whom is your rest? For whom is your peace meant?
The blood spilled for you across these long centuries
Will come forward, demanding an answer for me.
And it shall come to pass in the end of days.

VIII

וויגט זיך שווער דער קאָפּ און בלאַנקט
פֿאַר די אויגן מיר אַרום.
שפּרייט איך אויס די אויגן מער,
ווערט ווי בליי דער קאָפּ מיר שווער.
ווייס איך ניט פֿאַרוואָס איך וויין,
קומט דאָס מענטשעלע צוגיין
נאָכאַמאָל, און וויינט ווי איך,
און עס רופֿט מיך צו צו זיך,
און עס שעפּטשעט: ברודער מיין,
ווער איז שולדיק אין דיין פּיין?
האָסטו דאָך אַליין געבענקט
זען דיין טאַטן ווי ער הענגט.

הענגט ער און ער וויגט זיך שטום
פֿאַר די אויגן דיר אַרום.
מיינסטו אַז דאָס איז אַ טרוים?
ריר־זשע אָן אַליין דעם בוים
און דעם טאַטנס הענט און פֿיס,
וועסטו זען ווי קאַלט ער איז.
זע די אויגן. זע ווי גרויס,
און די צונג וואָס שטעקט אַרויס.
רייס אים אויס די האָר פֿון באָרד,
זאָגן וועט ער ניט קיין וואָרט.
מאַך דיין טאַשן־מעסער אויף,
פֿיר עס דורך זיין בויך אַרויף.
קלאַפּ אים אויס זיין לעצטן צאָן.
פֿאַר זיין נאָז צינד פֿייער אָן.
ברען און בראָט אים, רייס און פֿליק.
הענגען בלייבט ער אויפֿן שטריק,
און גענוי, נאָך דיין באַגער,
וויגט ער זיך אַהין־אַהער.
וואָס־זשע וויינסטו ברודער מיין,
ווער איז שולדיק אין דיין פּיין? — — —

VIII

My eyes open wider. My head,
it becomes heavy as lead.
I don't know what I'm crying for.
The little man° comes once more,
And he's crying as I am.
He calls me over to him.
Who is to blame, my brother,
For your pain? he asks in whispers.
You yourself have been longing
To see how your father's hanging.
There he is before you, dangling
Soundless before your eyes, swinging.
You believe this is a dream?
Then put a finger on the tree
And touch your father's hands and feet.
You'll feel how cold he is. Feel.
See his eyes, how they bulge out,
And his tongue hanging out, bloated.
Pull the hair out of his beard,
He won't let out a word.
Take out your pocket knife, drive
The blade up through his belly.
Knock out the last of his teeth.
Set fire to his sunken cheeks.
Burn and broil him, pluck and pull.
No matter: he'll still dangle
On the rope, and at your pleasure
He'll swing one way or the other.
Why cry, brother? What do you gain?
Who is to blame for your pain?

*Mentshele,* *homunculus.*

## X

בענק איך נאָך דער קינדער־צייט
וואָס איז דרייסיק יאָר שוין ווייט,
קומט דאָס מענטשעלע אַפיר,
און עס הויבט זיך אויף צו מיר:
און עס שעפּטשעט: ברודער מיין,
וואָס דו ווילסט — דאָס זאָל זיין.
און עס שפּרייט דאָס זעקל אויס,
און עס שלעפּט פון דאָרט ארויס
אַ פאַרצייטיק מאַנטל־קלייד,
פּורפּור־רויט און לאַנג און ברייט.
הענגען אויף אים פליגל צוויי,
קויטיקע ווי אַלטער שניי.
קריכט דאָס מענטשעלע אריין
אין דעם קלייד, און הילט זיך איין.
און אַ שטריימל מער ניט גאַנץ,
מיט אַ גרינעם לאָרבער־קראַנץ,
טוט עס אָן זיך אויפן קאָפּ,
איבער די אויערן אראָפּ.
און אַ האַרף מיט סטרונעס רויט,
פול מיט זשאַווער און מיט קויט,
שטעלט עס לעבן זיך אויף דר'ערד,
און מיט אויגלעך צוויי פאַרטרערט,
פרום־פאַרגלייסט ארויף־צו־צו,
הויבט עס אָן דאָס איי־ליו־ליו,
וואָס מען האָט מיט יאָרן פריי'ר,
ביי מיין וויג געזונגען מיר.

X

When I yearn for my childhood,
Now some thirty years gone, out
Comes the little man, *mentshele,*
and he rises up on his heels.
My brother, he whispers to me,
Whatever you want shall be.
He spreads the neck of his sack
And pulls out an ancient cloak,
Long and wide, purple and red.

A couple of wings hang on it,
Dirty as old snow. *Mentshele*
crawls inside the cloak, wraps himself
Up, takes a shapeless *shtrayml*°
Trimmed with a wreath of green laurel
And puts it on, pulling it down
Over his ears. On the ground
Nearby he sets a red-stringed harp
Crusted with rust and dirt.
Tearful, gazing toward heaven,
His eyes pious and stricken,
He begins that old lullaby
Sung at my cradle long years gone by.

° *A fur-trimmed hat worn by Hasidic Jews on the Sabbath and festivals.*

## XI

אז דו וועסט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו אין קאַליאַסן פאָרן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.
וועסטו נישט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו גיין אויף שטיין און דאָרן —
מאַך־זשע שוין די אויגלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

ווי אַ הונט אַ פרעמדן וועט מען
דיך פון אַלע טירן טרייבן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.
וואו דו וועסט אַ טאָג פאַרברענגען,
וועסטו נעכטיקן נישט בלייבן —
מאַך־זשע שוין די אויגלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

וועסטו אויף אַ שטיין זיך זעצן,
שלאָגן זיך אַליין אין הארצן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.
וועט די מאַמע רחל וויינען
אויף דיין גורל אויף דעם שוואַרצן —
מאַך־זשע שוין די אויגלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

וועט משיח מער ניט קאָנען
איר געוויין אריבערטראָגן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.
וועט ער זיך פון קייטן רייסן
און דעם קאָפּ אָן שטיין זיך שלאָגן —
מאַך־זשע שוין די אויגלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

XI [The Lullabye]

If you pay your dues, brother,
You'll travel in fine phaetons,
Ay lyu-lyu, lyu-lyu.
If you don't pay up, brother,
You'll foot it on thorns and stones.
So make with the shut-eye, you.
Ay lyu-lyu, lyu-lyu.

You'll be driven from doorways
Like a dog, like a stray.
Ay lyu-lyu, lyu-lyu.
Wherever you pass your day,
In the night you won't stay.
So make with the shut-eye, you.
Ay lyu-lyu, lyu-lyu.

If you slouch down on some rock,
Blaming yourself, flailing away,
Ay lyu-lyu, lyu-lyu,
Mother Rachel will take stock°
And weep for your black fate.
So make with the shut-eye, you.
Ay lyu-lyu, lyu-lyu.

° *Cf. Jer. 31:15.*

Her wailing will put an end
To the Messiah's patience.
Ay lyu-lyu, lyu-lyu.
He will shatter his chains,
Then hit his head on a stone.
So make with the shut-eye, you.
Ay lyu-lyu, lyu-lyu.

## XII

זינגט דאָס מענטשעלע ליו־ליו,
פאַלן מיר די אויגן צו.
זע איך שוין אַ ייִנגל זיך
אין מיין טאַטנס ראָק און שיך.
וויל איך ניט אין חדר גיין,
לייג איך זיך אויף דר'ערד און וויין.
וואַרפט די מאַמע מיך ארויס,
שטיי איך ביי דער וואַנט פון הויז.
בלאָזט מיט שניי אויף מיר דער ווינט,
פיל איך ווי דאָס וואַסער רינט
פון מיין קאָפּ קאַלט אראָפּ.
וויש איך מיט אַן ארבל אָפּ.

XII

Lyu, lyu, sings the little man,
And my eyes will not stay open.
I see myself a little kid
Inside my father's shoes and coat.
I don't want to go to heder;
I'm caterwauling on the floor.
Mama shoves me out of the house.
I stand by the wall. The wind blows
The cold snow all over me.
I feel the snow, how coldly
It melts, drips down along my face.
With my sleeve I wipe it away.

פאַלט דער גראָשן מיר פון האַנט,
לייג איך זיך אין שניי ביים וואַנט,
און עס טוט מיר אַזוי באַנג,
וואָס איך קאָן ניט ווערן קראַנק.
קומט דער פּריץ פון דער מיל,
טוט זיין הונט אויף מיר אַ ביל.
גנבע איך פאַר אים אַרויס,
אַ כזית ברויט פון הויז.
כאַפּט דער הונט דאָס ברויט און קייט
קומט די מאַמע און זי שרייט —
שרייט און שילט מיך מיטן טויט,
וואָס איך טראָג פון הויז דאָס ברויט,
ווען דער טאַטע אויפן מאַרק
האָרוועט נעבעך אַזוי שטאַרק,
און ער פרירט דאָרט אין דער קעלט
ווייל מען דאַרף שׂכר-לימוד-געלט.

## XIII

הער איך ווי די מאַמע שילט,
און דעם הונט וואָס שפּרינגט און בילט,
און דעם פּריץ ווי ער לאַכט, —
דאַכט זיך מיר אַז ס'איז ביינאַכט
און דער פּריץ מיט געברום
דרייט זיך אַרום מיר אַרום,
ווי אַ בייזער שוואַרצער בער,
טאַנצנדיק אַהין-אַהער.
ברומט דער פּריץ און ער שפּרינגט,
טאַנצט די מאַמע מיט און זינגט.
שפּרינגט דער הונט אַריין אין ראָד,
און עס ווערט אַ קאַראַהאָד.
לויפט אַ ייד די גאַס אַראָפּ,
רינט ביי אים דאָס בלוט פון קאָפּ,
זע איך ווי ער שפּרינגט פון פּיין
און ער פלעכט אין ראָד זיך איין:
קומען יידן נאָכאַנאַנד,
בלוטנדיק פון קאָפּ און האַנט.
קומען טאַנצנדיק אַרויס
לייט פון שול און לייט פון קלויז.
לויפן אָן די ווייבער אויך,
פליִען פעדערן פון בויך.
קומט אָן אַלטער ייד, וואָס ברענט,
מיט אַ תורה אין די הענט.
פלעכטן זיך אַריין אין טאַנץ
יידן נישט-דערקוילעט גאַנץ.
קומט מיט אַ געהרגעט קינד,
און מיט האָר צעלאָזט אין ווינט,
און מיט אויגן גרויס און גרין,
אַ משוגענע צופלי'ן.
טאַנצט די גאַס מיט הויז און קלויז,
טאַנצט פון ברעג דער טייך אַרויס

מיט אַ כוואַליע בלוט און שוים.
טאַנצט ביים ברעג פון טייך דער בוים.
טאַנצט דער טאַטע אויפן שטריק,
מיט אַ גלעזערדיקן בליק.
קומען מתים — לאַנג שוין טויט,
שפּרינגענדיק מיט פאַנען רויט.
און מיט פאַנען, בלוי און ווייס,
קומען גאַנצע קופּעס מייז
הינטער זיי, אַלץ מער און מער,
פון דער אָפּטריט-וואַנט אַהער.
דרייט זיך אַלץ מיט פיס אין בלוט,
און מיט קעפּ און רויך און גלוט,
רינגלען אַלע מיך אַרום,
וויל איך שרייען — בין איך שטום.
פּרוּוו איך אויפהויבן אַ האַנט,
ריר איך אָן אַ קאַלטע וואַנט.
הער איך ווידער, ווי מען קלינגט
אויף אַ האַרף, און ווי מען זינגט.
עפן איך די אויגן ווייט,
שטייט דאָס מענטשעלע ביים זייט —
ביי מיין בעט אַנטקעגן מיר —
אָנגעטאָן אַזוי ווי פריִ'ר
און מיט שטיינערדיקער רו
וויגט עס זיך און זינגט ליו-ליו.

*Probably the boy's lunch money.*

From my hand falls the groshen.°
In the snow by the wall I lie down,
so sorry that I can't be ill.

*The porets, Polish squire.*

The landowner° comes from the mill.
His dog barks at me. I sneak back
Into the house and steal some bread
For the dog, who leaps, takes it in his teeth.
Then Mama comes out and screams—
Screams and curses me with death
For stealing the piece of bread
While my father goes off to work,
Slaves to the bone at the market,
Freezing in the ice and snow, poor fool,
Just so his son can go to school.

## XIII

I hear how Mama swears at me,
How the dog barks as he leaps,
And the landowner laughs at the sight,
And it seems to me that it's night
And the landowner roars
Like an angry black bear
Spinning around and around
And dancing back and forth and
The landowner leaps and roars,
Dancing, singing with my mother.
Into their circle leaps the dog
And they dance leg to leg to leg.
A Jew comes running down the road,
Blood dripping from his head.
I see how he leaps with pain
As he weaves into their dancing.
Jews come one after the other
Bleeding with broken heads and arms.

*Synagogue.*
*Small synagogue or study-house.*

Men come dancing from the *shul*°
And the *kloyz*,° and women too,
Feathers flying from their bellies.
An old Jew on fire whirls before me,
a Torah cradled in his arms.

Into the round dance swirl the others
Not dead yet, not properly slaughtered.
In her arms a murdered child,
A raging woman comes flying,
Hair loose in the wind, eyes large and green.
The street dances with *kloyz* and house,
The river dances and overflows
Its banks with waves of blood and sludge.
The tree dances on the river's edge.
My father dances on the rope.

*Red flags of the socialist revolution.*
*Blue and white flags of the Zionist movement.*

In leap long-dead corpses
Parading with their red flags,°
And mice with blue and white flags,°
Hordes of mice, heaps of mice follow,
Leaping from the outhouse wall.
Whirling with their feet in blood,
Smoke and flame about their heads,
They surround me, all of them.
I want to scream, but I am dumb.
When I try to lift my hand,
I scratch a cold wall. Again,
I hear someone playing a harp,
Someone singing. My eyes open up.
By my bed stands *Mentshele*
In ancient cloak and *shtrayml*,
Rocking himself to rest, to
And fro, and singing lyu-lyu.

## [13] XVI

אונ דרייַ מאָל אַ דריי — אונ דאָס מענטשעלע שטייט
שוין הויך אויפֿן טיש, אין אַ פּרעדיקער־קלייד.
אונ טייטלענדיק צאָרנדיק אויף מיר, הויבט עס אָן:
אַן אויג פֿאַר אַן אויג אונ אַ צאָן פֿאַר אַ צאָן.
אונ האָט מען פֿאַרברענט דיר דאָס בעט אונ דעם דאַך,
איז — וואָיע ביים שוועל, ווי אַ הונט אויף דער וואַך.
די ערד פֿרעסן ווערעם. דער פֿויגל פֿרעסט זיי.
טאָ כאַפּ זשע, דו הונט, דיר, אַ פֿויגל אין שניי,
וואָס שפּרינגט מיט געפֿרוירענע פֿליגל אונ פֿיס —
אונ טייל מיט דיין ברודער, אַ ביס נאָך אַ ביס.
אונ האָט ער קיין הענט ניט — אַ האַנט האַק אַראָפּ
פֿון אייגענעם אַקסל, אונ גיב זי אים אָפּ.
אונ האָט אויך דיין שוועסטער אַ ממזר געהאַט, —
דו שריי אַז עס הייסט „שווענטע דוך" דער סאָלדאַט.
אונ אַז ס'איז דער ממזר אַ קומענדער גאָט,
וואָס ברענגט אונדז, ווי יעזוס, בלויז ליבע אונ גנאָד.
אונ גלויבט מען דיר ניט — נעם דעם צלם פֿון הארץ,
אונ נעם אויך דעם טלית האַלב ווייס אונ האַלב שוואַרץ,
אונ לייג זיי צוזאַמען אונ שפּיי אויף זיי אָן.
אונ דאַן הייס דיר ברענגען אַ פֿאָן נאָך אַ פֿאָן,
אונ פֿלעכט פֿון זיי אַלע אַ שטריק דיר צונויף,
אונ הענג ביי דער זייט פֿון דיין טאַטן זיך אויף,
אונ הוידע מיט אים זיך אַהין אונ צוריק
אַזוי ביז ס'עט דורכגעפֿוילט ווערן דער שטריק,
אַזוי ביז אַ גוי וועט אייך ביידן אין דר'ערד
באַגראָבן מיט זיינס אַ געפּגרטן פֿערד.

## XVI

*A travesty of "The Sermon on the Mount."*

And spinning three times, the little man stands
Aloft on a table in preacher's threads.
And pointing at me he pours out his wrath:
An eye for an eye and a tooth for a tooth,
And when they have torched your roof and your bed,
Go wail by the porch like a dog on edge.
Worms devour the earth and birds devour the worms.
So, dog, go nab a bird in a snowstorm
Flapping frozen wings, hopping on frozen feet,
And split it with your brother, piece by piece.
And if he has no hands, as happens sometimes,
Chop an arm off your shoulder and give it to him.
And if your sister bears a bastard, shout
That the soldier's name was "Holy Ghost,"
And that the bastard is really a god-to-be
Who, like Jesus, brings us but love and mercy.
If they won't believe you, take the cross from your heart
And also the prayer shawl—half black and half white—
And set them together and spit on them both.

Then order all flags to be gathered on the spot
And braid them together like horsehair and hide
And hang yourself at your father's side
And swing in tandem back and forth, him and you,
Until the braided rope rots through,
Until a gentile buries your two corpses
In the ground with his dead horse.

## [16] XIX

בין איך ניט ביים קלאָרן זין —
ווייס איך מער ניט וואו איך בין.
דרייט זיך וועלט מיט פֿעלד אונ שטאָט
אין אַ פֿייער־רויטן ראָד.
וואַקסט אַרויס אַ טשאָלנט־טאָפּ.
קריכט פֿון דאָרט אַרויס אַ קאָפּ.
זעט ער אויס מיט באָרד אונ האָר,
עלטער שוין פֿון טויזנט יאָר.
וואַקסט אַ מויז פֿון דיל אַרויס.
ווערט זי ווי אַ העלפֿאַנט גרויס.
גריזשעט זי די באָרד פֿון קאָפּ
אונ זי שלינגט די האָר אַראָפּ.
נעמט ביים האַנט מיך עמעץ אָן,
גיט צו טראָגן מיר אַ פֿאָן.
קוקט דער טאַטע פֿונעם בוים,
זידט אַרום זיין מויל אַ שוים,
רופֿט ער מיט אַן אויג אונ ווינקט.
הער איך ווי אַ פּושקע קלינגט,
ציט זיך אַ לויה־גאַנג,
אין ער טויזנט מיילן לאַנג.
קלינגען פּושקע־קלאַנג אונ טריט,
טויזנט־יאָריק אַלט אונ מיד.
דאַכט זיך מיר אַז עמעץ זיצט
אין אַ טלית, בלוט־באַשפּריצט,
אין דער מיטה, אונ ער ברענט
מיט אַ תורה אין די הענט.
וויגט ער זיך אַהין אַהער,
פֿרעג איך וואָס דאָס איז, אונ ווער?
דאַכט זיך מיר אַז איך אַליין
זיץ אין מיטה אונ איך וויין.

טראַכט איך — ווער אונ וואו איך בין,
אונ פֿון וואַנען, אונ וואוהין —
ציט זיך אויס אַ קייט, וואָס גליט
ווי אַ שלאַנג פֿון גאָלד געשמידט.
דרייט די קייט זיך נאָכאַנאַנד
זיבן מאָל אַרום מיין האַנט.
וואַקס איך אויס אין לאַנד ביים ניל,
וואו עס וואוינט דער קראָקאָדיל,
טוט מען דאָרט מיך נאַקעט אויס.
ברענגט מען מיך אין קעניגס הויז.
הער איך ווי דער קעניג שרייט —
וואַרפֿן שקלאַפֿן זיך אונ לייט
פֿאַר דעם קעניג צו דער ערד.
שלאָגט ער זיי מיט פֿוס אונ שווערד.

## XIX

*An overview of Jewish history.*

I'm at my wits' end,
Don't know where I am.
The whole world—town and field—
Whirls in a fire-red wheel.
Up springs a *cholent*° pot *(Sabbath stew.)*
And an ancient head crawls out,
Its beard, it seems, and its hair
Have seen a thousand years or more.

A mouse creeps from the floorplanks.
It grows as big as an elephant,
Nibbles the beard, gulps down the hair.
Someone gives me a flag to bear.
My father stares from the tree,
In his mouth the foam seethes,
And he beckons me with a wink.
The holy almsbox° jingles, *(Pushke, symbol of the requirement to give charity.)*
A funeral cortege
Stretches a thousand leagues.
Alms clink, feet plod forward,
Tired as their thousand years.

It seems to me that someone sits
In a blood-spattered *tallis*° *(Prayer shawl.)*
On a burial stretcher
And burns, a Torah in his arms.
As he rocks back and forth, afire,
I ask, "Who is this and why?"
It seems to me that it is I
Who rock on the stretcher and cry.
I wonder where I am and who
And where I'm from, where I'll go.
A chain stretches, glows
Like a snake wrought of gold.° *(The golden chain of Jewish tradition.)*
The chain spins, winding
Round my arm seven times.° *(Like the strap of the tefillin.)*
I spring up by the Nile
Where dwells the crocodile.°
There, I am undressed,° *(Like Joseph in Egypt.)*

ברענגט אַ שקלאַף אים פֿלייש און וויין —
שפּייט ער אין דער טאַץ אַריין.
ברענגט מען אים אַ נאַקעט ווייב —
שלאָגט ער מיט אַ בייטש איר לייב
און דאָס האַרץ איר שנײַדט ער אויס,

און ער זויגט דאָס בלוט אַרויס.
זויגט ער און ער וויל נאָך מער —
ברענגט מען מיך צו אים אַהער.
הויבן די מכשפים אָן
דרייען זיך אַרום זײַן טראָן:

— קעניג, ווילסטו זײַן געזונט,
הייס אים שלאָגן ווי אַ הונט.

— קעניג, ווילסטו פֿריילעך זײַן,
מויער אים אין וואַנט אַרײַן.

— קעניג ווילסט אַ שיינע שפּיל,
וואַרף־זשע אים אַרײַן אין ניל.

— קעניג, ווײַז אונדז דײַן גענאַד,
מאַך זיך פֿון זײַן בלוט אַ באַד.

מויערט מען אין וואַנט מיך אײַן,
וואַרפֿט מען מיך אין ניל אַרײַן,
זויגט מען מיר פֿון האַרץ דאָס בלוט
ווייס איך מער ניט וואָס מען טוט.
וויין איך, שריי איך אין מײַן נויט,
און איך בעט אויף זיך דעם טויט,
און איך שפּרינג אין ים אַרײַן
אויסגעלייזט צו זײַן פֿון פּײַן.
הייסט דער קעניג כאַפּן מיך.
וואַרפֿן אין די כוואַליעס זיך
קעניגס=לײַט, מיט שפּיז און שווערד,
און מיט רייט־וועגן און פֿערד.
זע איך אַלע אונטערגיין,
ווי אַן איינציק גרויסן שטיין.
איז דאָס זייער ווייסטע שטראָף —
וואַרט איך אויף דעמזעלבן סוף.
טראָגט אַ כוואַליע מיך אַוועק,
און זי ברענגט מיך צו אַ ברעג.
איז דער ברעג אַ ווייסטער אָרט —
איז נישטאָ קיין וואַסער דאָרט.
איז די ערד פֿאַרטריקנט רויט —
איז נישטאָ אויף איר קיין ברויט.
ציט זיך, ציט זיך יאָרן לאַנג
איבער סטעפּ און באַרג מײַן גאַנג.
דאַכט מיר, אַז איך וועל אַליין
זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ שטיין
און איך וועל שוין מער קיינמאָל
קומען אין אַ מענטשן־טאָל.

*Like Joseph, stripped twice: once by his brothers and once by Potiphar's wife.*

Taken to the king's palace.
I hear the king yell—
Slaves and courtiers fall
On their faces before him.
He kicks them, beats them
With the flat of his sword.
A slave comes forward
With meat and wine on a tray.
He spits into the tray.
A naked woman is brought—
He whips her, cuts out her heart,
Sucks the blood from it. He sucks it dry
And still he is unsatisfied.
I am brought before him then
As sorcerers spin around his throne.°

*The enslavement of the Jews under Pharaoh.*

—King, if it's health you desire,
Have him beaten like a cur.

—King, if happiness you'd recall,
Brick him into a wall.°

*According to rabbinic legend, babies were used instead of bricks to make up the Egyptian quota.*

—King, for a joke and a smile,
Throw him into the Nile.

—King, a man of grace would
Draw a bath from his blood.
They brick me into the wall,
They throw me into the Nile,
They suck my heart dry.
What to do? I shout, I cry
And plead for death and leap
Into the sea to be free
From these straits and this pain.°

*Exod. 13:9–31: crossing of the Red Sea and the drowning of Pharaoh's army.*

I must be caught, the king ordains.
His men leap into the waters
With their swords and daggers,
Their horses and chariots of iron.

I watch them sink like one great stone.
This is awful punishment—
I await the same end.
A wave spirits me away
To a desolate place
Where there is no water
And the red earth is parched
And yields no sustenance.°

*Retelling of the forty years of wandering in the wilderness.*

My wandering drags on and on
For years across mountains
And steppes. I will turn to stone,
And I will never again
Reach a valley of men. . . .

[17] **XX**

שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ שנייאיקן פֿעלד,
לאָזט מען מיך איבער אַליין.
קומט אויף אַ קוליע, פֿאַרבונדן דעם קאָפּ,
דאָס מענטשעלע ווידער צוגיין.

רופֿט עס מיך קעניג, און נייגט זיך פֿאַר מיר,
און פֿרעגט נאָך מײַן וואונטש, מײַן באַגער.
זאָג איך אים: — זעסט דאָך אַז איך בין אַליין,
און רירן זיך קאָן איך ניט מער.

טוט ער אַ וואונק — קומט, פֿון זעלנער געיאָגט,
אַ נאַקעט סקעלעט פֿון דער ווײַט.
הייבט עס די פֿיס, ווי בײַ נאַכט אין אַ שענק
אַ מויד צווישן שיכורע לײַט.

הייבט עס די פֿיס און עס טאַנצט אַרום מיר,
טאַנצט עס און זינגט מיט געברום:
— אַזוי זאָל זיך דרייען דער טויט אַרום דיר
אין אייביקן רעדל אַרום. —

**XX**

They come to a halt in a snowy field
And leave me by myself.
Here comes the little man again, on crutches,
Head bandaged, but it's still *mentshele.*

He kneels before me and calls me his king,
Asks me my wish and my desire.
I tell him, "Don't you see that I'm alone
And can't move a finger."

He gives a wink—presto, soldiers in hot pursuit
Corral a naked skeleton.
It raises its legs like a whore in a bar
At work in the middle of drunks.

It raises its legs and dances around me,
Dances and bellows and sings:
"So may death itself whirl around you,
Round and round in an endless ring."°

וואַקסן אוים ווייבער אַ מחנה פֿון דר'ערד —
בראָט מען ביים פֿייער אַ קינד.
טיילט מען מיט הענטלעך און פֿיסלעך זיך איין,
לאָזט מען דעם קאָפּ פֿאַר די הינט.

טיילט מען זיך איין, און די ביינער פֿון קינד
הייבט מען און וואַרפֿט מען אויף מיר.
— אַזוי זאָל מען פֿרעסן דיין לעבעדיק לייב
ביז דאָס־אָ וועט בלייבן פֿון דיר. —

קומען אַן ביימער פֿון איטלעכער זייט,
וויגן זיך טויטע אויף זיי.
וואַרפֿט זיך אַרויף אויף די ביימער דער ווינט,
וואַרפֿט אויף די טויטע מיט שניי.

שטעלן די טויטע זיך אוים אין אַ ראָד
אַזוי ווי מען שטייט פֿאַר אַ טראָן:
— געטאָן זאָל דיר ווערן דאָס אייגענע בייז,
וואָס אונדז איז געוואָרן געטאָן.

אויף אייביק פֿאַרוויסט זאָל פֿאַרבלייבן די ערד,
וואו דו האָסט געשפּונען דיין טרוים.
זאָל הענגען דאָרט, אָן אַ פֿאַרוואָס, אַלע נאַכט
אַן אַנדערער אונטער דיין בוים.

און שטרעקסטו דיין האַנט אַ פֿאַרבענקטער אַהין —
געליימט זאָל דיר ווערן דיין האַנט.
דערשטיקט זאָלסטו ווערן אין מיטן פֿון וואָרט,
ווען דו וועסט דערמאָנען דאָס לאַנד.

און שטאַרבנדיק זאָלסטו אַרומוואָגלען אויך,
און קיינמאָל געשטאָרבן נים זיין,
דערפֿאַר וואָס דו שלעפּסט מיט דיין קעניגס־טרוים אונדז
אָן אויפֿהער, לאַנד־ אוים און לאַנד־איין. —

הער איך די טויטע מיך שילטן אַזוי,
וויין איך און שעלט זיך אַליין.
פֿאַלט פֿון די טויטע דאָס א מ ן אויף מיר,
אַזוי ווי אַ שטיין נאָך אַ שטיין.

קומט אין אַ ליידיקן וואָגן געשפּאַנט
אַ פֿערד, ווי דער שניי אַזוי ווייס.
הענגט אים געפֿרוירן דאָס בלוט פֿונעם מויל,
גלאַנצט אויף זיין גריווע דאָס אייז.

שטרעק איך צום מענטשעלע אוים מיינע הענט,
קוקט עס מיך אָן אַזוי קאַלט.
זע איך דעם וואָגן פֿאַרזונקען אין שניי,
זע איך דאָס פֿערד ווי עס פֿאַלט.

טראָגט זיך אַ קול דורכן ווינט, דורך דער נאַכט,
רופֿט עס — אַהאַי! — און — אַהאָ! —
קוק איך זיך אום, אין דער ווייט, אין דער ברייט
איז שוין מער קיינער ניטאָ.

[21 המשך פֿין] XXV

iamb

ווען איך וועל טויט זיין הייב מיך אויף
און בינד מיך אויף אַ פֿערד אַרויף,
און לאָז אַזוי מיך טויטערהייט
פֿון קיינעם נים אין וועג באַגלייט.
ביז איך וועל טריט ביי טריט אַליין
צעפֿאַלן זיך אויף גראָז און שטיין.
און דו, וואָס דו האָסט אָפּגעוויסט
דיין לעבן לעבן מיר אומזיסט, —
פֿאַרטיליק דעם לעצטן צייכן דאָ
פֿון דעם, וואָס איז שוין מער נישטאָ.
זאָל זיין, אַז בלויז אַ טרוים פֿון שרעק
איז דאָ געווען און איז אַוועק.
מיך האָט דאָ קיינער נים געזען,
איך בין דאָ קיינמאָל נים געווען.

*A grotesque version of the Mosaic Curses (1).*

A host of women rises from the earth,
Laying a child on the fire like a log.
They divvy up its roasted hands and legs
And leave the head for the dogs.

Divvying done, they raise the bones
Aloft, then toss them to me:
"So may your flesh be eaten away
'Til all that's left is just as clean."

Trees huddle in on every side,
Corpses swinging high and low.
The wind throws itself against the branches,
Plasters the corpses with snow.

The corpses gather together in arcs
As if before a throne.
"May the same wickedness happen to you,
The same evil, as we have known.

"And may the earth go forever barren
Where you've been weaving your dream.
Each night, without a thread of explanation,
May a new corpse hang from your tree.

"And should you stretch your hand out longingly,
May the palsy strike your hand.
May you choke to death in the midst of the word
Should you invoke the homeland.°

*Ps. 137 (3): here the homeland is Galicia.*

"And may you stray and wander in your dying,
Your death always just around the bend,
For your daydream of a king drags us on
And on, from this land to that land."

When the corpses have done with their curses,
I curse myself up and down.
Their final AMEN tumbles over me
Like stone upon stone.

Comes a dray horse as white as the snow,
Pulling an empty wagon.
Icicles of blood hang from its muzzle,
Ice gleams from its mane.

I stretch out my hands toward the little man
Who gives me a look so cold. . . .
I see the wagon sinking in the snow,
And the horse as it drops and folds.

A voice drifts in through the wind, through the night,
Calling: Ohay! and Oho!
When I squint into the distance, the rustle,
I don't see a thing. Zero.

XXV

O hoist me high when I'm a corpse
And bind me tight upon a horse,
And let me ride the road alone
As dead as death, with no companion.
Then step by step I will decay,
Fall toward grass and stone and clay.
And you, who spent your life on me
So wastefully, so uselessly—
Up-end the last few signs around
Of one who can no longer be found.
Let's just say for the hell of it
A night-mare's come and gone. That's that.
No one's seen me here, ever.
I've not been here, never.

translated Hillel Schwartz in Roskies The Literature of Destruction